# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

| לאדזש־וואַרשע־קראָקע | ב״ה אייר תרצ״ט | נומער 156 | זעכצנטער יאָר־גאַנג |
| --- | --- | --- | --- |



SILNI
ZWARCI
GOTOWI

שפענדיט
אַלע פאַרן
„פאַן"


אג״פ

# שטאַרק, גיאייניקט, גרייט!

(די לופט־שוץ־הלוואה און וועגן „פאַן")

פון אַלע צייטן אָן זינט מיר יידן וואוינען אין פוילן, זענין מיר שטענדיק גיטריי איבערגיגעבן מיט אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, דאָס פוילישע לאַנד און די פוילישע מלוכה. אַזוי איז עס גיוועזן הונדערטער יאָרן און קיינמאָל נישט אַנדערש.

אויף די בלעטער פון דער פוילישער גישיכטע, וואָס זענין באַשריבן סיי מיט לייד סיי מיט פרייד, פעלט קיינמאָל נישט דאָרטן אונדזער צושטייער און אונדזער אָנטייל. שטענדיק זענין מיר גיוועזן די גיטרייעסטע דינער און מיטקעמפער פאַרן וואוילזיין און גליק פון פוילנס גאַנצקייט און אומאָפּהענגיקייט. האָט ווער גיפּרואווט אָנרירן פוילן, אירע גרעניצן, איר פרייהייט און כבוד, זענין מיר יידן גלייך מיט אַלע בירגער גיגאַנגען אַקייגן אין קאַמף, אָפּגעבנדיק אונדזער לעבן און פאַרמעגן, און זיך גישטעלט אויף די שווערסטע פּאָזיציעס אין דער מלחמה מיט פוילנס שונאים און באַדריקער.

אין די קרוב 150 יאָר פאַר דער לעצטער אַנטשטייאונג פון דער אומאָפּהענגיקער באַפרייטער פוילישער רעפּובליק אין אונדזער צייט, קענין מיר יידן מיט שטאָלץ אָנווייזן, אַז מיר האָבן אין אַלע שווערע קאַמפן פאַר פוילנס באַפרייאונג גינומין אַן־אַקטיוון אָנטייל, ברענגנדיק דערביי די גרעסטע קרבנות. פוילנס ערלעכע ליבהאָבער און פרייהייטס־קעמפער, פאַרלייקנין קיינמאָל נישט די העראָאישע פּאַטריאָטישע קאַמף־גרייטקייט פון יידן אין אַלע צייטן, אדרבא, זיי באַשטעטיקן דעם דאָזיקן היסטאָרישן אמת מיט גרויסמוטיקייט און אָנערקענונג.

אויך אינים באַפרייטן פוילן פאַר די לעצטע 20 יאָר זענין מיר צווישן די גיטרייעסטע בירגער און מיר דערפילן אַלע אונדזערע בירגערלעכע פליכטן. גאָרנישט איז אונדז טייער ווען ס־גייט אין פוילנס שטאַרקייט און גרויסקייט. אפילו ווען אַ טייל פּאָליאַקן באַגייען זיך אַמאָל מיט אונדז נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין און ווייזן אונדז אַרויס שנאה און האַס, הא דאָס אבער קיינמאָל נישט אויף אונדז קיין השפעה, אָפּגישוואַכט צו ווערן אין דער גיטריישאַפט צו פוילן, וואָס איז שוין איינגיבאַקן אין אונדז אַזויפיל דורות. מיר זענין זיכער, אַז אַנטיסעמיטיזם אין פוילן איז בלויז אַן־אימפּאָרט־אַרטיקל יון דער פרעמד און דאָס וועט ביי דער ערשטער יסניכטערונג פאַרשוואונדן. דער טראַדיציאָנעלער פּאָליאַק איז גיוועזן און מוז זיין איידל, מענטשלעך, קולטורעל און דעם מיטבירגער געבן זיינע רעכט און פרייהייט. דאָס גיפונט זיין בעסטן אויסדרוק אין דער קאָנסטיטוציע, וועלכע איז גיחתמיט מיט דער האַנט פון גרעסטן פּוילישן באַפרייער מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי.

פון דעם אַלים גיזאָגטן איז גידרונגין, אַז אויך היינט שטעלן מיר זיך יידן אין דער ערשטער רייע, פון די אַלע וואָס באַשיצן און פאַרטיידיקן פוילנס גרויסקייט און אירע יעצטיקע גרעניצן, וואָס מוזן בלייבן אומבאַרירט.

אין די לעצטע וואכן ווען די אייראָפּעאישע מאַפּע האָט זיך גיענדערט און נאָך דעם ווי די אומאָפּהענגיקע פרייע טשעכאָסלאָוואַקישע רעפּובליק איז פאַרשלינגין גיוואָרן פון די בלוט־דורשטיקע נאַציס, האָט פוילן גיפונין פאַר נייטיק, כדי צו שיצן דעם שלום פון דער וועלט, זיך נאָך מער צו פאַרשטאַרקן און פאַרשאַנצן.

פוילן גיהער צו די קולטורעלע פעלקער און גרויסע מלוכות אין אייראָפּע, וואָס ווילן שלום און נישט מלחמה. פוילן גיהער צו די מלוכות וואָס ווילן אויסמיידן אַ בלוט־באָד פאַר מיליאָנין מענטשן און אַלע מוראדיקע אומגליקן וואָס אַ מלחמה קען ברענגין. כדי אבער צו באַוואַכן דעם שלום, מוז מין זיך באַוואָפינין אַזוי אויף דער יבשה ווי אויפן ים און אין דער לופט.


## תוכן

אג״פ: שטאַרק, גיאייניקט, גרייט!
יעקב ראזנהיים: די פרויען־מאַדע.
גרלי׳ בובליק: נאר דער אייביקער אמת
י״ל גערשט: דער ניכטערער מוח
הרב ישעי׳ רייכער: ל״ג בעומר
הרב מנחם עקשטיין: פסיכאָלאָגישע עלימענטן אינים חסידות
אליעזר שינדלער: גיזאַנג
ישראל עמיאט: אַ שיף צווישן ימים
אלימלך שטיינער: קאַפּיטאַן מיגואל סאַנטאָס גנלעבטער
דוד זאַריצקי: ר׳ לייבס גמילת חסד
י. עמיאט: פּרק

בנות־בלעטער:

עלא שמולאוויטש: אָרגאַניזאַציע
שלמה בירנבוים: אַ ווערטער־רשימה: דייטשמעריש – יידיש
ידיעות און מודעות.


דער שונא וואָס וועט וועלן אַרויסרופן אַ מלחמה, וועט נאָר דעמלט זיך מוזן צוריקציען, ווען ער וועט וויסן אַז ס־שטייט קייגן אים אַ גוט־באַוואָפנטער כוח נאָך מער מוו מין זיך פאַרפאַנצערן קייגן לופט־אָנגריפן. אין דער קומינדיקער מלחמה וועט זיין די גרעסטע סכנה וואָס אַעראָפּלאַנין וועלן פון דער הייך באָמבאַרדירן די שטעט און אַלע וועלן זיין איינגישטעלט מיט זייער לעבן. קייגן דער דאָזיקער גיפאַר מוזן זיין וואָס אַ גרעסערע צאָל זעניט־האַרמאַטן וואָס זאָלן נישט צולאָזן די אַעראָפּלאַנין, און איידער נאָך זיי קומין אָן, זיי קענין אַראָפּשיסן. דערצו איז אויסגישריבן גיוואָרן די לופט־שוץ־הלוואה, אַז מיר זאָלן קענין זיין גישיצט פון גיפאַרן, פוילן זאָל האָבן אַ סך אַזעלכע האַרמאַטן.

נאָר ביזן 5 מאַי קען מין צייכינין די הלוואה, יעדער בירגער דערפילט זיין חוב און צייכנט איבער זיינע מעגלעכקייטן.

וואָס גרעסערע סכומים איז דער חוב צו צייכינין פון פאַרמעגלעכע און רייכע. אבער אויך דער מיטלשטאַנד מענטש און יעדער איינער מוז צייכינין די הלוואה. קיין איינער איז נישט באַפרייט פון דעם דאָזיקן הייליקן חוב.

אַלע אונדזערע שול־יוגנט, פאַריינין, תלמידות, מוזן צייכינין די הלוואה, דאָס איז אונדזער בירגערלעכער חוב און אַזוי דיקטירט אונדז אויך דאָס יודישע באַוואוסטזיין.

מיר זענין אויך מחויב כסדר צו שפענדן פאַרן „פאַן" Fundusz Obrony Narodowej גילדן צו גילדן, גראשן צו גראשן, ווי אויך ווערטפולע חפצים דאַרף מין אַליין פרייוויליק אָפּגעבן פאַרן „פאַן".

אויך די הייליקע תורה רופט אונדז צו טון אונדזער דאָזיקן חוב. דער נביא רופט אונדז „דרשו את שלום העיר" – אין די לענדער וואו איר וואוינט אין גלות באַשיצט זיי און פאַרטיידיקט זיי, ווייל דאָס איז אויך אייער אייגינע זאַך!

שטאַרק, גיאייניקט, גרייט!

